ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# דבר מלכות

•

מאת
כבוד קדושת
## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א
שניאורסאהן
מליובאוויטש

•

**משיחות ש״פ חוקת, יו״ד תמוז ה׳תנש״א**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים"

770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושלש לבריאה
שנת הקהל

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

## נוסח המברק שהואיל כ"ק אדמו"ר שליט"א
## לשלוח לאנ"ש שי' בכל מרחבי תבל
## לקראת חג הגאולה י"ב־י"ג תמוז, ה'תנש"א

ב"ה ימי חג הגאולה שנת ה'תנש"א.

לכל המשתתפים ולכל המשתתפות בהתוועדויות דחג הגאולה ולכל אחב"י – שליט"א

שלום וברכה!

חג הגאולה והתועדויות פעילות ומשפיעות על כל אחב"י, האנשים והנשים והטף,

ובפרט אשר כדברי בעל הגאולה במכתבו המפורסם: לא אותי בלבד גאל הקב"ה כי אם גם את כל כו',

וביתר שאת במעשה שהוא העיקר, מתחיל בהמבצעים הכללים וכל פרטיהם.

ותקויים מיד תפלתנו: ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו.

ותיכף ומיד ההבטחה: דרך כוכב מיעקב גו' וישראל עושה חיל בגאולה האמתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

/מקום החתימה/

---

במכתבו המפורסם: **נדפס בסה"מ תרפ"ח ע' קמו. תש"ח ע' 263. ועוד.**

ויהי נועם . . כוננהו: **תהלים צ, יז (צדיק, טוב).**

דרך . . חיל: **פרשתנו (בלק) כד, יז־יח (טו"ב, חי).**

# בס״ד. משיחות ש״פ חוקת, יו״ד תמוז ה׳תנש״א

א. היינטיקער טאָג – ווי אַלע טעג פון יאָר אין דעם אידישן־תורה לוח – באַשטייט פון צוויי צאָלן: דער טאָג אין וואָך, און דער טאָג אין חודש[1]. היינט איז דער זיבעטער טאָג אין וואָך, יום השביעי (יום שבת קודש), און דער צענטער טאָג אין חודש (תמוז).

די צוויי מנינים – „ימי השבוע״ און „ימי החודש״ – ווערן גערעכנט לויט צוויי באַזונדערע חשבונות, וועלכע באַשטימען דער תורה־לוח: דעם מהלך השמש – וואָס פון אים זיינען אָפּהענגיק די טעג פון וואָך (ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד[2] א.א.וו. און אַזוי חזר׳ט זיך עס איבער יעדער וואָך[3]: היום יום ראשון בשבת[4] וכו׳), און דעם מהלך הלבנה – וואָס אין אים זיינען תלוי די טעג פון מאָנאַט.

אַזוי ווי יעדער זאַך אין תורה און אין אידישקייט (במכל־שכן פון אַלע וועלט געשעענישן[5]), זיינען די צוויי מנינים ניט צופעליק ח״ו, נאָר זיי זיינען בכוונה ובדיוק אַזוי איינגעשטעלט געוואָרן דורך דעם אויבערשטן. זיי שפּיגלען אָפּ צוויי סדרים אין דעם אופן ווי דער אויבערשטער באַשאַפט און פירט אָן מיט דער וועלט; און דערפון קען און דאַרף יעדער איד (וואָס זיין טאָג־טעגלעכע הנהגה ווערט באַשטימט לויט די צוויי חשבונות) אַרויסנעמען אַ לימוד און הוראה אין עבודת השם[6].

אַזוי איז אויך פאַרשטאַנדיק בנוגע צו דעם היינטיקן טאָג – יום השביעי בשבוע און יום העשירי בחודש [ובפרט אַז אין די מספרים איז מודגש במיוחד דער אונטערשייד צווישן ימי השבוע און ימי החודש, כדלקמן ס״ג] – אַז דאָס אַנטהאַלט אַ לימוד אין עבודת האדם – סיי פון יעדערן פון די צוויי מספרים (שבעה ועשרה) באַזונדער (וואָס די צוויי חשבונות זיינען אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן), און סיי פון חיבור שניהם יחד. היות אַז זיי קומען ביידע צוזאַמען אין איין טאָג (וואָס דאָס איז דאָך בהשגחה פרטית ובדיוק), באַווייזט עס אַז זיי האָבן צווישן זיך אַ שייכות[7] ביז אַז זיי ווערן איין זאַך (איין

---

1) וממנו נשתלשל שכן הוא בלוח אוה״ע (שמונין לחמה – סוכה כט, א. מכילתא בא יב, ב. ב״ר פ״ו, ג. זח״א רלו, סע״ב), שמחלקים שנת החמה לי״ב חלקים־חדשים, אבל חלוקה זו היא „רק הסכם לבד ולא שהוא כן בתולדה״ (ד״ה החודש תרנ״ד – ע׳ קלז) ע״י מהלך החמה עצמו (כי „אין לשמש חודש כלל״ – ראב״ע בא שם), ולא כמו חלוקת החדשים ע״י מהלך הלבנה (כפי שהוא בבנ״י), שבכל כ״ט יום וחצי (וב׳ ידות שעה וע״ג חלקים) נעשה סיבוב חדש דהלבנה (ר״ה כה, א. רמב״ם הל׳ קדה״ח פ״ו ה״ג. ועוד).

2) בראשית א, ו.

3) ראה לקו״ת שה״ש כה, סע״א. סה״מ תרע״ח ע׳ רסט. תש״ד ע׳ 192. תש״ה ע׳ 167. וראה גם אוה״ת שבועות ע׳ פו. אוה״ת ברכה ע׳ א׳תתצא. א׳תתצט. ובכ״מ.

4) כמ״ש בשיר של יום.

5) ראה כתר שם טוב (הוצאת „קה״ת״) הוספות סקי״ט ואילך. וש״נ.

6) במכ״ש מתורת הבעש״ט, שכל דבר ודבר אשר האדם רואה או שומע הוא הוראה בהנהגה בעבודת השם (שם סקכ״ז ואילך. וש״נ).

7) וכמובן מהא דזבחים (צא, רע״א) שקדושת (מוספי) ראש חודש „אהני למוספי שבת״. וראה גם לקו״ש חט״ז ע׳ 481.

טאָג וואָס באַשטייט פון צוויי מנינים: שביעי ועשירי).

און וויבאַלד אַז דער טאָג איז שבת פרשת חוקת, און אַ טאָג אין חודש תמוז — באַווייזט עס אַז דאָס האָט אַ שייכות מיט דער פרשה און מיט דעם חודש; און אויך אַ שייכות מיט די טעג וואָס ווערן גע־בענטשט פון דעם שבת[8]: (א) י״ב־י״ג תמוז, דער חג הגאולה פון כ״ק מו״ח אדמו״ר (בשנת תרפ״ז[9]), און (ב) שבעה עשר בתמוז (בשבת הבאה[10]).

און אויך ועיקר: אַ שייכות מיט דער גאולה האמיתית והשלימה — דער ענין הכי עיקרי שהזמן גרמא, כמדובר כמ״פ, ובפרט לאחרונה[11].

ב. דער כללות׳דיקער חילוק צווישן די ימי השבוע און ימי החודש איז: די זיבן טעג אין וואָך זיינען ניט תלוי אין מעשה האדם, נאָר זיי ווערן באַשטימט מלמעלה, מצד סדר מעשה בראשית ווי דער אוי־בערשטער האָט אים באַשאַפן, אַז דורך דעם וואָס „ויהי ערב ויהי בוקר" (ע״י מהלך השמש) גייט במילא דורך אַ טאָג, און נאָך ששה ימים (היקפים), קומט במילא דער יום השביעי, וקדושת שבת — כדברי חז״ל[12] (בנוגע צו קדושת שבת) אַז „שבת מקדשא וקיימא (מששת ימי בראשית)". משא״כ (ימי ה)חודש איז תלוי אין קביעות בית־דין[13], „ישראל דקדשינהו לזמנים . . ישראל דקדשינהו לראשי חדשים"[14] (און דערפאַר זאָגט מען „מקדש ישראל והז־מנים", ש„צריך להקדים קדושת ישראל לקדושתן, שעל ידי קדושת ישראל נת־קדשו הם ואילו לא נתקדשו ישראל לא היו קובעים חדשים וקוראין מועדים בבית־דין"[15]).

ווי דאָס איז אויך אין פשטות הענינים: די שבעת ימי בראשית (און יום השבת) זיינען געווען גלייך בתחלת הבריאה (ווי דערציילט בתחלת התורה). משא״כ קידוש החודש („החודש הזה לכם גו'"[16]) איז אַ מצוה וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו אידן („מצוה ראשונה שנצטוו ישראל"[17]) ערשט באַ יציאת מצרים. ומבואר בכ״מ[18], אַז דאָס איז די התחלה פון דער עבודה פון אידן אין תורה ומצוות וואָס איז העכער פאַר דער בריאה.

וברוחניות הענינים: ימי השבוע גייט אויף דעם סדר הבריאה ווי ס׳איז באַשאַפן געוואָרן במילואה דורך דעם אויבערשטן, „עולם על מילואו נברא"[19], כמ״ש[20] „אלה תולדות השמים והארץ בהבראם", תולדות מלא כתיב[21]. ימי החודש גייט אויף דער

---

8) ראה זח״ב סג, ב. פח, א.

9) אותיות תפז״ר. — ולהעיר שבמזמור תהלים המתאים למספר שנותיו של בעל הגאולה שמתחי־לים לומר בי״ב תמוז (יום הולדתו) השתא (מזמור קי״ב) — נאמר (בפסוק ט): „פזר נתן לאביונים".

10) ראה לעיל [סה״ש תנש״א] ח״א ע' 395 הערה 6.

11) שיחת כ״ח ניסן, ושיחות והתוועדויות של־אח״ז (לעיל [סה״ש תנש״א ח״ב] ע' 470 ואילך).

12) ביצה יז, א (ובפרש״י). וראה תו״א יתרו סט, סע״ג.

13) ועד שאחז״ל (שמו״ר פט״ו, ב. דב״ר פ״ב, יד) שהקב״ה אומר לב״ד של מעלה „אני ואתם נלך אצל ב״ד של מטה כו'". ועד כדי כך, ש„אתם אפילו שוגגין אתם אפילו מזידין כו'" (ר״ה שם).

14) ברכות מט, א.

15) פרש״י ביצה שם ד״ה אטו.

16) בא שם.

17) פרש״י ר״פ בראשית.

18) ראה אוה״ת בא ע' רסב. סה״מ אעת״ר ע' רסב. עטר״ת ע' קצו. תרפ״ד ע' פב. מלוקט ח״ב ע' רפג ואילך. ח״ג ע' פב ואילך.

19) ראה ב״ר פי״ד, ז. פי״ג, ג.

20) בראשית ב, ד.

21) ב״ר עה״פ (פי״ב, ו). שמו״ר פ״ל, ג.

**הוספה וחידוש (חודש מלשון חידוש[22]) וואָס ווערט אויפגעטאָן אין דער בריאה דורך** עבודת האדם[23]**, כמאחז"ל[24] "אשר ברא אלקים לעשות[25] — לתקן", ביז אַז מען טוט אויף אַ חידוש ושלימות אין דער גאַנצער בריאה (אפילו לגבי שלימות הבריאה מצ"ע), "שמים חדשים וארץ חדשה"[26] — וואָס עס וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה, ווען עס וועט זיין "אלה תולדות פרץ גו' (וישי הוליד את דוד)"[27], תולדות מלא (העכער פאַר תולדות מלא באַ בריאת השמים והארץ[28]).**

**ובשרש הענינים נעמט זיך דער חילוק פון די צוויי דרגות אין אלקות: אלקות וואָס איז בערך צו דער בריאה, און טוט זיך אָן אין דער בריאה (שבוע); און אלקות וואָס איז העכער פאַר דער בריאה (חודש).**

**ג. ויש לומר אַז דאָס שפּיגלט זיך אָפּ במיוחד אין דעם חילוק צווישן יום ה־שביעי (בשבוע) און יום העשירי (בחודש) — די צוויי מנינים פון היינטיקן טאָג:**

**שביעי באַדייט די שלימות ההיקף פון דער בריאה — שבעת ימי בראשית, שבעת ימי ההיקף[29]. ובשרשם — די שבע מדות מיט וועלכע עס ווערט באַשאַפן די וועלט, די שבעה ימים (יום ראשון — חסד, יום שני — גבורה, ביז יום השביעי — מלכות)[30]. די דרגא אין אלקות וואָס באַשאַפט און טוט זיך אָן אין דער וועלט.**

**עשרה איז פאַרבונדן (אויך) מיט דער דרגא אין אלקות שלמעלה מעולם — די עשר ספירות, הכוללות די שלשה מוחין וועלכע זיינען העכער פאַר (מקור ה)־עולם[31]:**

**און דער גילוי פון בחי' עשרה (אלקות שלמעלה מעולם) ווערט אויפגעטאָן דורך** עבודת האדם, **וואָס ער איז מוסיף ומחדש (אויף דער בריאה שנבראת בשבע מדות) די המשכה פון די ג' מוחין, אַזוי אַז עס ווערט די שלימות הגילוי פון עשרה — נוסף צו דער גילוי פון בחי' שבע (מדות) אין דער בריאה, אויך דער גילוי פון די ג' מוחין.**

**ובעבודת האדם: אויף דעם וואָס עס שטייט[32] "אל תצר את מואב" — איז מבואר אין חסידות[33], אַז בזמן הזה איז געגעבן**

22) ראה ראב"ע שם. ס' השרשים לר' יונה בן ג'נאח ולהרד"ק ערך חדש. וראה לקו"ת נצבים מו, ב.

23) דאע"פ שמהלך הלבנה ומולד הלבנה (בראש חודש) הוא חלק מהבריאה, הרי קביעת וקדושת ראש חודש במנין הזמן תלוי' בב"ד, ועד ש"אתם אפילו שוגגין אתם אפילו מזידין" כנ"ל (הערה 13).

ומה שאמחז"ל (שמו"ר פט"ו, יא) "משבחר הקב"ה בעולמו קבע בו ראשי חדשים (ושנים)" — (א) ה"ז דוקא ע"י בחירת הקב"ה בעולמו (ולא ע"י בריאת העולם מצ"ע), כי ענין החודש (מלשון חידוש) הוא למעלה מהבריאה, (ב) אמיתית הענין דחדשי השנה נעשה דוקא ע"י מצות קידוש החודש (שע"י ב"ד), "החודש הזה לכם ראש חדשים ראשון הוא לכם לחדשי השנה" (וראה שמו"ר שם, ב: "ל־שעבר הי' בידי כו' מכאן ואילך הרי מסורה בידכם ברשותכם כו'") — ראה ד"ה החודש תשל"ט (סה"מ מלוקט ח"ג שם).

24) ראה ב"ר פי"א, ו ובפרש"י. וראה אוה"ת בראשית (כרך ג) תקיד, א ואילך.

25) בראשית שם, ג.

26) ישעי' סה, יז. סו, כב. וראה לקו"ת שה"ש בסופו (נא, ג). ספר הליקוטים דא"ח — צ"צ ערך לע"ל ע' תריב ואילך. ועוד.

27) רות ד, יח. כב.

28) ראה סה"מ מלוקט ח"ג ע' ח. וש"נ.

29) ראה שו"ת הרשב"א ח"א ס"ט.

30) ראה ס' המאמרים תרע"ח, תש"ד ותש"ה שבהערה 3.

31) ראה סה"מ תש"ח ע' 273. ובכ"מ.

32) דברים ב, ט.

33) ד"ה אל תצר את מואב לאדמו"ר האמצעי — מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א בתחלתו.

געוואָרן צו אידן נאָר די שבע ארצות, וואָרום דער עיקר עבודה בזמן הזה איז צו מברר ומזכך זיין די שבע מדות (און די עבודה אין די דריי מוחין, איז צוליב פועל זיין אויף די מדות), אָבער בגאולה האמיתית והשלימה וועלן געגעבן ווערן אַלע עשר ארצות (אויך קיני קניזי וקדמוני[34]), וואָרום דעמולט וועט עבודת השם זיין מיט דער פולסטער שלימות, און ס'וועט זיין די עבודה פון די ג' מוחין (אויך) פאַר זיך (ביז די שלימות פון „אלה תולדות פרץ" שלמעלה פון „אלה תולדות השמים והארץ בהבראם")[35].

ד. דער אויפטאָן דיביידע ענינים פון שבעה ועשרה איז פאַרבונדען דערמיט וואָס אין דער בריאה עצמה זיינען דאָ די צוויי דרגות:

אין תורה שבכתב שטייט אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין שבעה ימים, „ויכל[36] אלקים ביום השביעי מלאכתו"[37]; אין תורה שבעל־פה — „תורה בפירושה ניתנה"[38] — שטייט [אין היינטיקן פרק[39]] אַז „בעשרה מאמרות נברא העולם". ויש לומר, אַז דאָס איז מתאים מיט דעם וואָס דער אונטערשייד צווישן תורה שבכתב און תורה שבעל־פה איז ע"ד דער אונטערשייד צווישן שבעה און עשרה:

תושב"כ איז געגעבן געוואָרן מלמעלה פון דעם אויבערשטן[40], און ס'איז ניט שייך אַז אַ מענטש זאָל אין דעם מוסיף זיין ח"ו. מצד דער דרגא פון המשכת אלקות מלמעלה (תושב"כ) איז שלימות הבריאה אין אַן אופן פון שבעה. און דאָס גיט דעם כח אויף דער עבודה פון בירור השבע מדות, גילוי אלקות אין ובערך גדרי העולם.

תושבע"פ איז רובה נתגלה געוואָרן דורך דער עבודה ויגיעה בכח עצמם (בדרך עיון ופלפול) פון די חכמי ישראל במשך הדורות („שלומדים מפי דעתם באחת מן המדות שהתורה נדרשת בהם .. (או) שעשאום סייג לתורה"[41]), וואָס דורך דעם ווערן נתחדש אַ ריבוי דינים ופרטים אין די תרי"ג מצוות[42]. און דעריבער איז דאָרט די הדגשה אַז „בעשרה מאמרות נברא העולם". מצד עבודת המטה אין תורה (תושבע"פ) און אין דער וועלט — זעט מען אין דער בריאה בחי' עשר.

און דאָס גיט דעם כח אויף דער עבודה בכח עצמו — „לעשות לתקן" — צו אויפ־

34) לך לך טו, יט ובפרש"י.

35) ומעין זה הי' לפני זה — כמסופר בפרשתנו* ע"ד כיבוש והתיישבות בנ"י בארץ סיחון ועוג, שבה נכלל חלק מארץ עמון ומואב (ראה גיטין לח, א. וש"נ), שהם מהשלש ארצות, קיני קניזי וקדמוני, ש„עתידים להיות ירושה לעתיד" (פרש"י שם). וי"ל שהפתיחה וההכנה לשלימות כיבוש וירושת הארץ לע"ל (עשרה) נעשתה ע"י ההתיישבות בארץ סיחון ועוג — שבפרשתנו (וראה בארוכה סה"ש תש"נ ח"ב ע' 541 ואילך). וראה לקמן ס"ט, שמעין וטועמי' דגילוי זה (דג' מוחין) נעשה ע"י הפצת המעינות חוצה.

36) בראשית ב, ב.

37) ד„מה הי' העולם חסר מנוחה, באת שבת באת מנוחה, כלתה ונגמרה המלאכה" (פרש"י עה"פ — מב"ר פ"י, י. וראה גם פרש"י מגילה ט, א ד"ה ויכל. תוד"ה חצבה — סנהדרין לח, א).

*) בשיעור חומש דיום השבת (משביעי עד סיום הפרשה), **עשירי** בתמוז.

38) הקדמת הרמב"ם לספרו היד בתחלתה.

39) אבות פ"ה מ"א.

40) ראה בארוכה פתיחת הרמב"ן עה"ת. וראה גם פיה"מ להרמב"ם סנהדרין פ' חלק ביסוד הח'.

41) רמב"ם הל' ממרים פ"א ה"ב. וראה ס' השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 725.

42) ראה בארוכה המשך תרס"ו ע' עח ואילך. ע' צ ואילך. ע' שפג ואילך.

טאָן אַ הוספה וחידוש אין דער בריאה, דער גילוי פון בחי' עשר בתכלית השלימות דורך דער עבודה אין עולם, ביז די שלימות פון „אלה תולדות פרץ" (אַ חידוש אין דער בריאה[43]).

ה. אין די צוויי ענינים — פון שביעי (שבוע) און עשירי (חודש) — איז יש בזה מה שאין בזה:

די מעלה פון שביעי איז — אַז דאָס איז די שלימות הבריאה ווי דער אויבערשטער האָט איר באַשאַפן מלכתחילה, טוב ושלימות מלכתחילה. און אויך — אַז דאָס איז די שלימות פון (גילוי אלקות אין) דער בריאה עצמה, ווי דאָס איז זיך מתלבש באופן פנימי אין גדר הבריאה (ווי זי איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן).

די מעלה פון עשירי איז — אַז דאָס טוט אויף (דורך עבודת האדם) גילוי אלקות שלמעלה ממדידה והגבלה פון דער בריאה. ובלשון הכתוב[44] — „העשירי יהי' קדש", די דרגא פון קדש מלה בגרמי', וואָס איז אינגאַנצן העכער (קדש מופרש ומובדל) פון אַנדערע ענינים („גרמי'"), ועאכו"כ פון גדר העולם.

— אויך שבת (יום השביעי) איז בדרגת (שבת) קדש, „קדש מלה בגרמי'"[45] — אָבער דאָס איז ווי די קדושה ווערט נמשך מלמעלה (מקדשא וקיימא), משא"כ „העשירי יהי' קדש" ווערט אויפגעטאָן דורך עבודת[46] התחתון[47], וואָס דאָס דערגרייכט (אין קדש מלה בגרמי' בעצמה) העכער פון דער המשכה מלמעלה[48].

ועפ"ז איז מובן דער עילוי פון דעם טאָג [ובכלל — פון יעדער טאָג, מצד דעם וואָס ער איז מאחד אַ יום בשבוע ויום בחודש, כנ"ל, אָבער דאָס איז נאָכמער בגלוי ובהדגשה ביום זה] — יום השביעי בשבוע און יום העשירי בחודש: דער חיבור (אין דעם זעלבן טאָג) פוןביידע מעלות הנ"ל, גבול און בלי גבול, גילוי אלקות אין עולם און גילוי אלקות שלמעלה מעולם, וחיבור שניהם יחד — אַז אלקות שלמעלה מעולם ווערט נמשך אין מציאות העולם עצמה[49].

ויש לומר אַז דאָס איז אויך מרומז אין

---

43) שמזה מובן שהוא חידוש וגילוי נעלה יותר מבחי' העשרה מאמרות שבהן נברא העולם ע"י הקב"ה [וגם גילוי ענין זה הוא בתורה], שהרי ע"י עבודת האדם (בתיקון העולם שנברא בעשרה מאמרות) יהי' לע"ל חידוש בהבריאה (שנבראה בעשרה מאמרות), „שמים חדשים וארץ חדשה".

44) בחוקותי כז, לב. וראה זח"ב רעא, א.

45) זח"ג צד, ב. וראה סידור (עם דא"ח) ר, סע"ג ואילך. ועוד.

46) כפי שהוא גם בפשטות הענין ד„העשירי יהי' קודש" שנאמר במעשר בהמה, שקדושת הבהמה העשירית נעשית ע"י פעולה: יציאת הבהמה מן הדיר (ויציאה מן הכלל ע"י מנין האדם). ראה לקו"ש ח"ז ע' 362 ואילך.

47) ולהעיר ש„מלה בגרמי'" הוא בלשון תרגום (ולא בלשון הקודש), המורה על העבודה והפעולה בעולם (ראה תו"א משפטים עז, ד. עח, ג).

48) כמבואר בכ"מ העילוי דאתעדל"ע הבאה ע"י אתעדל"ת לגבי אתעדל"ע הבאה מצ"ע (לקו"ת שה"ש כג, ד ואילך. וראה סה"מ מלוקט ח"ג ע' צג-ד).

49) ואף שעשרה מצ"ע כולל גם השבע (מדות) בהוספת שלשה (מוחין), הרי זהו כפי שהשבעה הם חלק מה(מעלה שב)עשרה, היינו (א) שמציאות העולם (שבעה) נתעלית לדרגת עשרה שלמעלה מעולם (ולא שהגילוי אלקות מתלבש בהעולם עצמו, כפי שהוא במדריגתו), ו(ב) דרגת עשרה היא בערך ושייכת לדרגת העולם (ולא למעלה ממנו לגמרי). משא"כ כשיום זה הוא יום שביעי בפ"ע (בימי השבוע) ויום עשירי בפ"ע (בימי החודש), ה"ז מורה על חיבור ב' המעלות: השלימות דגילוי אלקות במציאות העולם עצמה (שביעי בפ"ע), והשלימות דגילוי אלקות שלמעלה לגמרי מעולם (עשירי בפ"ע), וחיבור שניהם יחד.

דעם וואָס דער חיבור פון שביעי (ז׳) און עשירי (י׳) איז – שבעה עשר (י״ז), בגי־מטריא טוב – וואָס (טוב סתם בלי תואר והגבלה –) באַשטייט פון טוב למעלה און טוב למטה [בלשון חז״ל[50]: טוב לשמים וטוב לבריות], טוב וואָס איז גלוי מלכת־חילה (מצד הבריאה) – ווי עס שטייט בנוגע למעשה בראשית, „וירא אלקים כי טוב״[51], ביז (ווי עס שטייט[52] בסיום הבריאה ביום הששי) „וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד״, און טוב (הנעלם מצ״ע) וואָס ווערט נתגלה דורך עבודת האדם („לעשות – לתקן״), ד.ה. אַז י״ז בגימטריא „טוב״ איז כולל סיי טוב שבעולם (ז׳) און סיי טוב בל״ג וואָס איז למעלה מעולם (י׳).

ו. עפ״ז וועט מען פאַרשטיין די שייכות מיט שבעה עשר בתמוז (שבשבת הבאה, ובמילא איז דאָס אַ תענית נדחה), וועלכער ווערט געבענטשט פון דעם שבת, עשירי בחודש:

שבעה עשר (בתמוז) איז בגימטריא טוב, וואָרום שלימות הטוב איז ווען מ׳האָט אויך דעם גילוי הטוב פנימי – אַ טוב בלי גבול – וואָס איז באַהאַלטן און ווערט נתגלה דורך עבודת האדם.

כידוע אַז בפנימיות איז אַ יום תענית – „יום רצון לה׳״[53]. און דורך דעם ווערט נתגלה דער טוב פנימי אין דעם ענין בלתי רצוי וואָס צוליב אים פאַסט מען (התגלות פנימיות האהבה פון דעם איבערשטן צו אידן, כמשל המלך הרוחץ בעצמו בנו יחידו מרוב אהבתו[54]) – ווי דאָס וועט נתגלה ווערן בגאולה האמיתית והשלימה ווען „כל הצומות האלו . . עתידים להיות ימים טובים וימי ששון ושמחה, שנאמר[55] כה אמר ה׳ צבאות צום הרביעי . . יהי׳ לבית יהודה לששון ולשמחה ולמועדים טובים״[56].

ויש לומר, אַז דער טוב פנימי (אין טו״ב תמוז) שטייט בגלוי ווען שבעה עשר בתמוז קומט אויס ביום השבת – יום השביעי (ווי בקביעות שנה זו), וואָס דעמולט פאַסט מען ניט[56*], וואָרום בשבת „אין עצב בה״[57], ואדרבה – מצוה „לענגו בעונג אכילה ושתי׳״[58], ענינו של שבת איז עונג, במילא איז דאָס דוחה דעם תענית, און ס׳איז אסור דעמולט צו פאַסטן.

דאָס הייסט, אַז בשבעה עשר בתמוז שחל להיות בשבת זיינען פאַראַןביידע מעלות צוזאַמען: די שלימות הטוב ל־מעלה – שביעי (שבת), און שלימות פון גילוי טוב הנעלם וואָס קומט דורך עבודת המטה – עשירי.

און דער כח אויף דעם קומט פון ווי די ביידע ענינים (שבת וצום שבעה עשר בתמוז) זיינען אין תורה (ע״ד האמור לעיל (ס״ד) אַז דער כח אויף דער עבודה פון שביעי ועשירי קומט פון דעם וואָס אין תורה זיינען די ביידע ענינים, שבעת ימי בראשית בתושב״כ, בעשרה מאמרות נברא העולם בתושבע״פ):

דער טעם פשוט אויף איסור תענית בשבת איז, ווייל שבת (ומצות עונג שבת)

---

50) קידושין מ, א.

51) בראשית א, ד. י. יב. יח. כא. כה.

52) שם, לא.

53) ישעי׳ נח, ה. וראה אגה״ת ספ״ב.

54) תניא אגה״ק סכ״ב (קלד, סע״ב). וראה בארוכה אוה״ת מסעי (כרך ד) ס״ע א׳שפד ואילך – לענין ד׳ הצומות.

55) זכרי׳ ח, יט.

56) רמב״ם סוף הל׳ תעניות.

*56) רמב״ם שם פ״ה ה״ה. טושו״ע או״ח סתקנ ס״ג.

57) משלי י, כב. ירושלמי ברכות פ״ב סה״ז. הובא בתוד״ה מאן דאמר – מו״ק כג, ב. – ואמרו חז״ל „וביום שמחתכם אלו השבתות״ (ספרי בהעלותך י, י).

58) שו״ע אדה״ז או״ח ר״ס רמב.

**איז מן התורה[59], וואָס דאָס איז דוחה די תעניות וועלכע זיינען מדברי קבלה[60].**

**וי״ל הביאור בזה בפנימיות הענינים, ובהקדים דעם טעם פאַרוואָס אַלע תעניות – מלבד יוהכ״פ – זיינען מדברי קבלה און ניט מן התורה:**

**הטעם לזה יש לומר ע״פ דעם חילוק המדובר לעיל צווישן תורה שבכתב און תורה שבע״פ: מן התורה – תורת חסד[61] – איז ניטאָ דער ענין פון תענית (מלבד יוהכ״פ[62]). דאָס הייסט: מן התורה – ווי די וועלט איז מצד למעלה (מצד בריאתה ע״י הקב״ה) – איז זי במילואה ובשלימותה, און דאָרט איז ניטאָ (אויף אַזויפיל[63]) אַן ענין בלתי רצוי (חטא) וואָס אויף דעם זאָל דאַרפן זיין אַ תענית (וואָס קומט „מפני הצרות שאירעו בהן כדי לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה״ אויף „מעשינו הרעים ומעשה אבותינו שהי׳ כמעשינו עתה שגרם להם ולנו אותן הצרות״[64]).**

**משא״כ מצד דברי קבלה (בערך צו „דברי תורה״), וואָס זיי פסק׳ענען די הלכות לויט דעם ווי מ׳שאַצט אָפּ דעם מצב העולם בפועל למטה (ע״ד תושבע״פ לגבי תושב״כ כנ״ל) – איז, וויבאַלד אַז מצד דעם עולם למטה (וואו ס׳איז געגעבן געוואָרן בחירה בטוב או בהפכו), קען זיין אַ ירידה ע״י החטא ר״ל, דעריבער קומען די תעניות אויף דאָס צו מתקן זיין דורך עבודת התשובה – די הוספה וחידוש וואָס טוט זיך אויף אין דער בריאה ע״י עבודת האדם (מער וויפל ס׳איז דאָ אין דער בריאה מצ״ע).**

**מן התורה שטייט בגילוי (בעיקר) דער טוב הגלוי אין דער בריאה; משא״כ דורך דברי קבלה (ועד״ז תושבע״פ בכלל) ווערט נתגלה אויך דער טוב הנעלם וואָס איז דאָ למטה, כולל – דעם טוב פנימי אין דעם צום פון שבעה עשר (טו״ב) בתמוז, ווי עס וועט נתגלה ווערן לע״ל ווען יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה.**

**ועפ״ז איז פאַרשטאַנדיק דער כח פון שבת צו דוחה זיין אַ תענית: וויבאַלד אַז שבת איז מן התורה, איז דאָס פאַרבונדן מיט דעם גילוי הטוב מלמעלה (שביעי), „וקראת לשבת עונג״[65], דעריבער איז דעמולט ניטאָ קיין אָרט אויף אַ תענית[66] [מלבד יוהכ״פ וואָס איז מן התורה].**

59) „ואף להאומרים שהוא (מצות עונג שבת) מדברי קבלה . . מ״מ להתענות לגמרי לד״ה אסור מן התורה״ (שו״ע אדה״ז או״ח סרפ״ח ס״ז).

60) רמב״ם הל׳ תעניות פ״ה ה״ד.

61) משלי לא, כו.

62) וגם בנוגע ליוהכ״פ מבואר ש„מאהבת הקב״ה לישראל שלא ציוום להתענות אלא יום א׳ בשנה ולטובתם לכפר עונותיהם וציוום שיאכלו וישתו תחלה שלא יזיק להם העינוי״. ויתירה מזה: נאמר (אמור כג, לב) „ועניתם את נפשותיכם ב־תשעה לחודש״, „שהוציא הכתוב את האכילה בלשון עינוי ולא אמר בפירוש שיאכלו וישתו, לומר לך שהאוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו הי׳ מתענה בו (בתשיעי ועשירי) מחמת מצות הקב״ה שצוה להתענות בו כו׳ שהאוכל ושותה בתשיעי שכרו הרבה מאד כאילו הי׳ מתענה בט׳ וי׳ כו׳״ (שו״ע אדה״ז או״ח ר״ס תרד). וראה הערה הבאה.

63) אלא שמכיון שכל הענינים – גם ענין ה־תשובה (על החטא) – נמשכים מן התורה, וליכא מידי דלא רמיזא באורייתא (ראה זח״ג רכא, א. וראה תענית ט, א) – לכן, יש תענית דיוהכ״פ מן התורה, „לכפר על בני ישראל מכל חטאתם״ (אחרי טז, לד)*.

*) וראה שיחת צום גדלי׳ לקמן [סה״ש תנש״א ח״ב ע׳ 835 ואילך]. לעיל [סה״ש תנש״א] ח״א ע׳ 17 ואילך), שימי הצומות שמדרבנן נמשכים מצום יוהכ״פ (שמה״ת), כיון שכל המצוות דרבנן „יוצאות ונמשכות ממצוות התורה (דוגמתן)״ — תניא אגה״ק סכ״ט (קנ, סע״א).

64) רמב״ם הל׳ תעניות רפ״ה.

65) ישעי׳ נח, יג.

66) ומה שהתירו חכמים להתענות תענית חלום בשבת – הרי זה (החלום) לא מצד סדר הבריאה

אָבער צוזאַמען דערמיט איז אין דעם שבת שבעה עשר בתמוז אויך דאָ די מעלה פון גילוי טוב הפנימי פון דעם תענית (בחי׳ עשר), וואָרום אַנשטאָט פאַסטן איז מצוה לענגו בעונג אכילה ושתי׳, און ס׳איז אַ יום שמחה, מעין און אַלס הכנה צו דחיית התענית בשלימות לע״ל, ווען יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה [כפתגם הידוע[67] בנוגע צו שבעה עשר בתמוז שחל בשבת: הלואי שיהי׳ נדחה בשלימות ויהפך לששון ולשמחה].

ז. און אין דעם קומט צו נאָכמער דורך שבת עשירי בתמוז: ווען שבעה עשר בתמוז איז חל בשבת, איז דער שבת שלפני זה — פון וועלכע עס ווערט גע־בענטשט שבת שבעה עשר בתמוז — אַלע־מאָל יום עשירי בחודש (תמוז). ויש לומר ע״ד הרמז: פון דעם ענין השביעי (שבת) ועשירי (בחודש) — דער חיבור פון דעם טוב גלוי און דעם טוב הנעלם (וואָס ווערט נתגלה דורך עבודת המטה) — ווערט נמשך די ברכה (מלשון המשכה[68]) ונתינת כח צו דעם שבת הבא צו אויפטאָן דעם חיבור פון דיביידע מעלות אין שבת שבעה עשר בתמוז: דער גילוי הטוב פון שבת (הבא מלמעלה), און דער גילוי הטוב פנימי אין שבעה עשר — (בגימטריא) טו״ב — בתמוז.

ויש לקשר זה אויך מיט דעם וואָס „בשבעה עשר בתמוז נשתברו הלוחות״[69]: אין דעם ענין פון שבירת הלוחות איז דאָ דער טוב פנימי (וואָס דורך דעם איז צוגעקומען דער ריבוי אין תורה בלוחות השניות מער ווי עס וואָלט געווען מצד די לוחות ראשונות, כדאיתא במדרש[70]). וואָס דערפאַר האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה[71] „יישר כחך ששברת״: דער עילוי קומט אַרויס דוקא דורך „כחך״ של האדם (עבודת המטה) — ע״ד די מעלה פון עבודת התשובה (נאָר אין דעם באַקומט מען דערנאָך אויך דער סיוע פון דעם אויבערשטן, וועלכער זאָגט „יישר כחך״).

און אין דעם שבת שלפני זה — וואָס איז נאָך אין די ארבעים ימים הראשונים פון משה׳ס זיין בהר סיני, קודם שבירת הלוחות — שטייט בגלוי די מעלה פון די לוחות ראשונות — עבודת הצדיקים, מצד דעם וואָס „עשה האלקים את האדם ישר״[72], נאָר אין דעם האָט מען אויך די

---

מצ״ע (שהוא טוב), אלא „הוראה מן השמים״* (ולכן „אם הרהר ביום וחלם בלילה לא יתענה עליו כלל בשבת בכל ענין שאין בזה הוראה מן השמים כלל״ – שו״ע אדה״ז או״ח סרפ״ח סוס״ז). כלומר: תענית חלום שייך דוקא בזמן הזה קודם המצב ד„ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ״ (זכרי׳ יג, ב), שאז התירו לו חכמים להתענות תענית חלום „בשביל שיקרע גזר דינו״ (שו״ע אדה״ז שם ס״ג).

ולהעיר מטעם השני שמביא (בשו״ע אדה״ז) שם (להיתר תענית חלום בשבת) „לפי שאין כאן ביטול עונג שבת לגמרי כיון שנפשו עגומה עליו בשביל חלומו אם לא יתענה, ואם יתענה בטוח הוא שיקרע גזר דינו, א״כ הרי התענית הזה תענוג הוא לו״, ו„לא יתענה עליהם בשבת אא״כ התענית עונג לו כו׳ שיש לו עונג מהתענית יותר ממה שיהי׳ לו כשיאכל וישתה״ (שם ס״ז).

67) ספר השיחות ה׳ש״ת ע׳ 157. נת׳ בארוכה בלקו״ש חל״ג ע׳ 156 ואילך. שיחת ש״פ בלק, י״ז תמוז (נדחה) תשמ״ח (ס׳ השיחות ח״ב ע׳ 526 ואילך).

*) ואף ש„אין מראין לו לאדם אלא מהרהורי לבו״ (ברכות נה, סע״ב. וראה זח״א קפג, א) — ה״ז רק ע״פ רוב, ותורה על הרוב תדבר (ראה מו״נ ח״ג פל״ד).

68) ראה תו״א מקץ לז, ג. ובכ״מ.

69) משנה תענית כו, א־ב.

70) שמו״ר רפמ״ו.

71) שבת פז, א. וש״נ. הובא בפרש״י עה״ת ס״פ ברכה.

72) קהלת ז, כט.

מעלה פון עשירי וואָס קומט דורך עבודת המטה[73] (ע״ד לאתבא[74] צדיקיא בתיובתא)[75].

ח. ולהוסיף די שייכות מיט פרשת השבוע פון דעם שבת — פ׳ חוקת:

דער טעם פאַרוואָס עס שטייט „זאת חוקת התורה״ אויף מצות פרה אדומה (אע״פ וואָס דאָס איז לכאורה נאָר איין מצוה אין תורה) — איז מבואר אין חסידות[76], ווייל מצות פרה אדומה באַשטייט פון די צוויי ענינים פון רצוא ושוב: שריפת הפרה (רצוא), און ונתן מים חיים אל כלי[77] (שוב), וואָס אין די צוויי ענינים פון רצוא ושוב טיילט זיך כללות התורה[78]: די תשוקה ורצוא באהבה כרשפי אש פון אַ אידן צו נתעלה ווערן און נכלל ווערן אין אלקות; די המשכה ושוב צו ממשיך זיין אלקות למטה, און מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים[79].

ויש לומר אַז רצוא ושוב זיינען ע״ד דער חילוק צווישן שבעה (ימי השבוע) און עשרה (ימי החודש): רצוא באַווייזט אויף דער עבודה פון דער תשוקה ועלי׳ למעלה מן העולם, ביז באופן פון כלות הנפש למעלה מהגבלת הגוף — ע״ד דער ענין פון עשרה, וואָס דערגרייכט בלי גבול (שלמעלה מעולם). שוב איז די עבודה מלמעלה למטה — צו ממשיך זיין די אורות אין כלים למטה, די עבודה אַלס אַ נשמה בגוף דוקא, וואָס דערצו דאַרף מען דאָס ממשיך זיין לויט די כלים וגדרים פון דעם גוף און דער בריאה — ע״ד דער ענין פון שבעה (גדר הבריאה). און שלימות העבודה באַשטייט פון חיבור שניהם יחד: צוזאַמען מיט דער רצוא וכלות הנפש דאַרף זיין די עבודה אַלס נשמה בגוף, און אין דעם רצוא דאַרף זיך אָנהערן די כוונה אַז מ׳דאַרף דאָס ממשיך זיין למטה; און אין דעם שוב גופא דאַרף זיך אָנהערן אַז „על כרחך אתה חי״[80], ווייל זייענדיק אַ נשמה בגוף שטייט ער אין אַ שטענדיקער רצוא למעלה.

[ובפרטיות יותר יש לומר, אַז אין דעם ענין פון חודש (לבנה) איז בהדגשה די ביידע ענינים פון רצוא ושוב — „ונפקדת כי יפקד מושבך״[81]: דער מיעוט הלבנה

---

73) ראה בארוכה סה״ש תש״נ ח״ב ע׳ 516 ואילך.

74) מאמר הזהר, הובא בלקו״ת שמע״צ צב, ב. שה״ש נ, סע״ב. מאמרי אדה״ז תקס״ב ח״ב ע׳ תקלד. — וראה זח״ג קנג, ב.

75) וזהו גם החילוק בין הענין ד„שבעה־עשר״ בשבת זו ו„שבעה עשר בתמוז״ (בשבת הבאה): אף שגם שבעה עשר בתמוז כולל המספר שבעה (נוסף על מספר עשרה), הרי בשבעה עשר בתמוז, הטוב (שבעה עשר), גם דבחי׳ שבע, הוא רק במספר ימי החודש, המורה על החידוש הבא ע״י עבודת המטה, כי שבעה עשר בתמוז הוא בגלוי יום תענית, וצריכים להפכו ע״י עבודת התשובה (אלא שכשחל ביום השבת, יום השביעי, יש בזה גם הכח דטוב גלוי (שביעי) של יום השבת). ואילו בשבת עשירי בתמוז — הרי שביעי ועשירי הם בב׳ מנינים שונים (שביעי בימי השבוע, ועשירי בימי החודש), כי זהו לפני הירידה דשבעה עשר בתמוז, ויש שם בגלוי רק המעלה דשביעי והמעלה דעשירי (הבאה ע״י עבודת האדם), וחיבורם יחד — ע״ד לאתבא צדיקיא בתיובתא. ועצ״ע.

76) לקו״ת ריש פרשתנו (נו, ב). ובכ״מ.

77) פרשתנו יט, יז.

78) ולהעיר ש„רצוא ושוב״ בגימטריא תורה (לקו״ת בחוקותי מט, ג), תרי״א (פי׳ הראב״ד לספר יצירה פ״א מ״ב), אותיות יראת — כנגד התרי״א מצוות התורה ששמעו ישראל מפי משה (מלבד אנכי ולא יהי׳ ש„מפי הגבורה שמענום״ — מכות כד, רע״א). ויש לומר, שבזה מרומז שהענין דרצוא ושוב (כללות התורה) בא ע״י עבודת המטה (תרי״א מצוות ששמעו מפי משה).

79) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא רפל״ו. ובכ״מ.

80) אבות ספ״ד.

81) שמואל־א כ, יח.

(„יפקד מושבך״) באַווייזט אויף איר בי־טול, וואָס קומט מצד איר רצוא צו מקבל זיין (אור השמש, אור המשפיע), ואיידי דטריד למיבלע לא פליט[82]; און דאָס ברענגט דערנאָך צו מולד הלבנה מחדש („ונפקדת״) — בבחי׳ שוב, גילוי אור ה־לבנה מחדש, „להאיר על הארץ״[83]].

ט. ע״פ הנ״ל וועט מען אויך פאַר־שטיין די שייכות מיט דעם חג הגאולה, י״ב־י״ג תמוז וואָס ווערט געבענטשט און קומט בתוך הג׳ ימים ראשונים פון דעם שבת[84], עשירי בתמוז[85]:

דער כח צו אויפטאָן דער גילוי פון שבעה און עשרה אין עולם קומט דערפון וואָס מ׳טוט עס פריער אויף אין תורה, וואָרום „קודשא בריך הוא אסתכל באו־רייתא וברא עלמא, בר נש מסתכל בה באורייתא ומקיים עלמא״[86]:

דובר לעיל (ס״ד), אַז אין תורה זיינען פאַראַן ביידע דרגות: תורה שבכתב און תורה שבע״פ [און כולל דברי קבלה[87]]. תושב״כ איז געגעבן געוואָרן מלמעלה, און דעריבער רעדט זיך דאָרט בגלוי און דאָס גיט דעם כח בעיקר אויף מגלה זיין דער טוב גלוי ושלימות הבריאה מצד למעלה (שביעי). און תושבע״פ איז נתחדש געוואָרן בעיקר דורך עבודת האדם, און דערפאַר רעדט זיך דאָרט און דאָס גיט דעם כח בעיקר אויף מגלה זיין דעם טוב הנעלם ושלימות הבריאה וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך עבודת המטה.

בפרטיות יותר איז דאָס דער חילוק צווישן נגלה דתורה און פנימיות התורה, גופא דאורייתא ונשמתא דאורייתא[88]: נגלה דתורה גיט אַרויס בעיקר די הלכות ווי מ׳דאַרף זיך אויפפירן במעשה בפועל, פאַרבונדן בעיקר מיט דעם חלק הגלוי — דער גוף — פון אַ אידן און פון דער וועלט, און דאָס פאַרבינדט אַ אידן (און די וועלט) מיט בחי׳ גליא דקוב״ה[89] (אלקות וואָס איז בערך צו עולם). פנימיות התורה רעדט בעיקר וועגן דער פנימיות ונשמה פון אַ מענטשן און פון דער וועלט, און דורך דעם ווערט מען פאַרבונדן מיט בחי׳ סתים דקוב״ה[89] (אלקות וואָס איז למעלה לגמרי מעולם).

דערפון איז מובן, אַז דער כח צו מגלה זיין דעם טוב גלוי אין עולם (שבעה) איז בעיקר דורך גליא דתורה, און דער כח צו מגלה זיין דעם טוב פנימי (עשרה), ביז דעם טוב הנעלם (אין די חסדים נסתרים[90]) אין אַ תענית וכיו״ב — איז דורך פנימיות התורה. ווי מ׳זעט עס בפועל, אַז דורך פאַרשטיין די פנימיות ונשמה פון אַ זאַך, קען מען דאָרט זען אויך דעם טוב הנעלם, אע״פ וואָס בגלוי זעט מען דאָס ניט, אָדער מ׳זעט גאָר פאַרקערט (היפך הטוב).

ועפ״ז יש לומר, אַז הגם תושבע״פ בכללות איז נתגלה געוואָרן דורך עבודת האדם למטה, איז דאָס נאָכמער בהדגשה אין דעם גילוי פון פנימיות התורה — וואָרום בכדי מגלה זיין בחי׳ סתים דאו־רייתא (און דורך דעם — דעם סתים דקוב״ה), וואָס איז ניט געגעבן געוואָרן

82) ראה חולין ח, ב.

83) בראשית א, יז.

84) „בתר שבתא״ (פסחים קד, סע״א).

85) להעיר ששבת שעברה היתה ג׳ תמוז, התחלת הגאולה. ושבת זה, עשירי בתמוז, באה לאחרי שעברו ז׳ ימי השבוע מאז — העבודה בבירור הז׳ מדות, וביחד עם העבודה בג׳ מוחין (דג׳ תמוז) — נעשה הגילוי דבחי׳ עשר (בתמוז), שמיני׳ מתברך י״ב־י״ג תמוז.

86) זח״ב קסא, ריש ע״ב.

87) ראה לעיל ס״ו.

88) זח״ג קנב, א.

89) ראה זהר שם עג, א.

90) ראה תניא פכ״ו. ובכ״מ.

בגלוי למטה — דאַרף מען אָנקומען דוקא צו דער יגיעה פון עבודת האדם [ע"ד ווי דער אויפטו פון לוחות שניות לגבי לוחות ראשונות, ובכלל — פון תושבע"פ לגבי תושב"כ].

וואָס דאָס איז איינער פון די טעמים אויף דעם וואָס דער גילוי פון פנימיות התורה (די ג' מוחין (קיני קניזי וקדמוני) וואָס קומען צו לעתיד לבוא) קומט דוקא דורך דער עבודה ב"אריכות הגלות הזה" (שלא בערך לענגער ווי גלות מצרים וואָס האָט געבראַכט דער גילוי פון תורה ה־נגלית באַ מ"ת)[91], ומעין זה ("טועמי' חיים זכו"[92]) אין די דורות האחרונים (דוקא) פון גלות, אָנהויבנדיק פון "מצוה לגלות זאת החכמה" בזמן האריז"ל[93], און דערנאָך באופן פון "יפוצו מעינותיך חוצה" דורך דעם בעש"ט[94], און דערנאָך — בהתלבשות אין חכמה בינה ודעת (באופן פון יתפר־נסון[95]) דורך תורת חסידות חב"ד פון דעם אַלטן רבי'ן און רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו, און בכל דור ודור — קומט צו מערער און מערער אין דעם גילוי פון פנימיות התורה און (נאָכמער —) סודות התורה (כדלקמן),

דלכאורה, קען מען פרעגן: וויבאַלד אַז מדור לדור קומט צו אין דער ירידת הדורות, "אם ראשונים בני מלאכים אנו בני אנשים, ואם ראשונים בני אנשים אנו וכו'"[96], ועאכו"כ אין די דורות האחרונים פון עקבתא דמשיחא[97] — ווי קומט עס אַז דוקא דעמולט ווערט נתגלה, ובהרחבה, פנימיות התורה, מער ווי אין די דורות הראשונים?!

איז דער ביאור אין דעם: דוקא דורך דער עבודה למטה איז מען מגלה די ענינים סתומים (מער ווי ס'איז דאָ בגילוי מצ"ע). ע"ד האמור לעיל, אַז דוקא דורך עבודת האדם ווערט דער גילוי פון די ג' מוחין (עשר ארצות), די ענינים וואָס זיינען ניטאָ בגלוי אין דער בריאה מצ"ע (אפילו זייענדיק אַ בריאה של הקב"ה), ביז דער עילוי פון "אלה תולדות פרץ", שלמעלה פון "אלה תולדות השמים והארץ בה־בראם".

ועד"ז איז פאַרשטאַנדיק, אַז דוקא דורך דער עבודה אין חושך הגלות, וב־פרט בדורות האחרונים — וואָס דער חושך רופט נאָכמער אַרויס עבודת האדם — ווערן נתגלה די מעינות פון פנימיות התורה[98]. און דעריבער קומט אין דעם צו בכל דור דור, דוקא דורך דער ירידה שבכל דור.

י. דערמיט וועט מען פאַרשטיין די שייכות פון דעם שבת, עשירי בתמוז, מיט דעם חג הגאולה:

ס'איז ידוע אַז דורך דער מאסר וגאולה פון י"ב־י"ג תמוז איז צוגעקומען אין הפצת המעינות חוצה, ביז אַז דאָס (דער מאסר וגאולה) האָט געבראַכט די יציאה פון דעם בעל הגאולה ממדינה ההיא, און לאחרי השתלשלות — זיין קומען אין "חצי כדור התחתון", וואָס דאָס האָט צוגעגעבן אין דעם גילוי פון פנימיות התורה, באופן פון הפצה אפילו

91) תו"א ר"פ שמות (מט, א).

92) ראה לקו"ש ח"כ ע' 173. וש"נ.

93) תניא אגה"ק סכ"ו (קמב, ב).

94) ראה באגה"ק הידועה דהבעש"ט (כתר שם טוב בתחלתו. ובכ"מ).

95) ל' התקו"ז ת"ו בסופו. וראה הקדמת המק"מ לספרו. כסא מלך לתקו"ז שם. ועוד.

96) שבת קיב, ב. וראה גם ירושלמי דמאי פ"א ה"ג. שקלים רפ"ה. ב"ר פ"ס, ח. (וראה לקו"ש חט"ו ע' 281 הערה 14).

97) ראה משנה סוטה מט, ב.

98) וראה קונטרס ענינה של תורת החסידות שוה"ג להערה 78.

לגבי ההפצה בדורות שלפני זה, ביז אַז דאָס דערגרייכט בכל קצוי תבל, ביז אין חוצה שאין חוצה ממנו[99].

און דער גילוי פון פנימיות התורה ווערט נמשך באופן פון פעולה נמשכת (פון זמן הגאולה) — דורך די תלמידים ותלמידי תלמידיו פון דעם בעל הגאולה, כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, וואָס „הנשיא הוא הכל״[100] — ער גיט כח צו אַלע אידן („הכל״) פון דעם דור, ובפרט דורך תלמידיו וואָס האָבן זוכה געווען אים זען בעיני בשר פנים אל פנים (נוסף לזה וואָס ביי אַלעמען איז „מזלייהו חזי״[101]), וואָס ראיית פני הצדיק ונשיא הדור פועל׳ט אין די רואים, ביז אַז אין זיי איז ניכר און שפיגלט זיך אָפּ דאָס וואָס זיי האָבן געזען, כולל ולכל לראש — אין זייער עבודה פון „יפוצו מעינותיך חוצה״,

ובאופן אַז דאָס איז הולך ומתפשט משנה לשנה, ובפרט אין די שנים הכי אחרונות — ווי מ׳זעט בפועל, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט מען זוכה געווען אַז מ׳האָט אָפּגעדרוקט און מ׳דרוקט ווייטער אַ ריבוי גדול פון מאמרי חסידות וואָס זיינען ביז איצטער געווען בכתב־יד וב־גלוי נאָר ליחידי סגולה, ביז אויך ענינים וואָס זיינען ביז איצטער געווען גנוזים פאַר אַלעמען, און דוקא איצטער דרוקט מען זיי און זיי ווערן נתפרסם לכל

— [ואשרי חלקם וגדול זכותם פון די אַלע און פון יוצאי חלציהם שי׳ וואָס האָבן זיך מתעסק געווען און זיינען ממשיך מתעסק זיין אין הדפסת הספרים, דורך סיוע בממונם, אָדער טירחא בגופם וכיו״ב]. —

און דער גילוי פון פנימיות התורה און סודות התורה — גיט דעם כח אויף מגלה זיין אין וועלט אויך די ענינים וואָס זיינען למעלה פון גדרי העולם (בחי׳ עשר), כידוע[102] אַז דורך גילוי תורת חסידות חב״ד בכלל, וואָס גיט צו פאַרשטיין חסידות בשכל האדם ביז אין שכל פון נה״ב, ובפרט ווי ס׳איז אין דעם צוגע־קומען בדורות האחרונים, באַקומט מען אַ כח מיוחד צו מאַכן פון עניני העולם כלים צו אלקות, ביז אַז דער וועלט זאָל ווערן אַ דירה לו יתברך בתחתונים — אַז אין מצי־אות העולם (שבעה) זאָל זיין דער גילוי פון אלקות שלמעלה מעולם (עשרה), ביז עצמותו ית׳.

און אין דעם קומט צו נאָכמער ב־קביעות שנה זו, ווען דער חג הגאולה ווערט געבענטשט פון דעם שבת עשירי בתמוז, וש״פ חוקת — וואָס באַדייט דעם חיבור פון ביידע ענינים פון שביעי און עשירי (רצוא ושוב), (אלקות שב)עולם און אלקות שלמעלה מעולם.

ביז אַז דאָס ווערט אַ הכנה מיד צו דער גאולה האמיתית והשלימה [כידוע[94] אַז דורך הפצת המעינות חוצה ברענגט מען „אתי מר״ דא מלכא משיחא], ווען עס וועט זיין שלימות החיבור פון שביעי און עשירי: סיי די מעלה ושלימות העולם ווי זי איז מצד הבריאה (בשבעת ימי ברא־שית), און סיי דער חידוש אין שלימות הבריאה וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך עבודת האדם — „אלה תולדות פרץ״, און חיבור שתי המעלות יחד.

יא. פון יעדער זאַך דאַרף מען אַרויס־נעמען אַ לימוד און הוראה פרטית אין עבודת השם (כתורת הבעש״ט הידועה[103]),

---

99) ראה בכ״ז „קובץ כ״ח סיון — יובל שנים״ ע׳ 37 ואילך.

100) פרש״י פרשתנו כא, כא.

101) ראה מגילה ג, א. סנהדרין צד, רע״א.

102) ראה סה״מ תרפ״ה ע׳ פח.

103) נסמן בהערה 6.

ועאכו״כ פון אַ קביעות ע״פ תורה — דער חיבור פון אַ יום בשבוע און אַ יום בחודש, ובפרט ביום זה — יום השביעי בשבוע און יום העשירי בחודש.

איינער פון די לימודים אין דעם:

בכל יום דאַרף באַ יעדער איד זיין אַ צווייענדיקע עבודה — (א) די עבודה פון „ימי השבוע״, ער זאָל אויפטאָן אין מציאות העולם, און דאָרט מגלה זיין אלקות, (ב) די עבודה פון „ימי החודש״, ער זאָל אויפטאָן אַ חידוש אין דער בריאה, מער וויפל זי פאַרמאָגט מצ״ע.

די צוויי עבודות זעט מען אין דעם סדר פון אַ אידן בכל יום, און גלייך בתחלת היום: אין „מודה אני לפניך״ (וואָס אַ איד זאָגט מיד כשניעור משנתו[104]) גיט ער אָפּ הודאה אויף צוויי זאַכן: (א) „שהחזרת בי נשמתי״ — אַז דער אויבערשטער האָט אים אומגעקערט זיין נשמה (וואָס ער האָט געהאַט נעכטן, אייערנעכטן וכו׳). דאָס הייסט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט דעם סדר „טבעי״ ווי דער אויבערשטער פירט זיך מיט יעדן אידן (ועד״ז מיט יעדן מענטשן) בכל בוקר. און בהתאם לזה איז אויך די עבודה פון אַ אידן — אַז ער טוט זיין עבודה ע״ד הרגיל, בסדר הטבע. (ב) „רבה אמונתך״ באַדייט אַ גילוי אלקות וואָס איז „רבה״, למעלה ממדידה והגבלה (פון דעם סדר טבעי ורגיל). און דאָס דאַרף אַרויסרופן ביי אַ אידן — מדה כנגד מדה — אַן עבודה באופן פון „רבה״, למעלה מרגילות שלו.

בכללות יותר שפּיגלן זיך אָפּ די צוויי ענינים אין המשך פון ברכות השחר: פריער זאָגט מען ברכות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם אופן ווי דער אויבערשטער פירט אָן מיט דער וועלט (בלבושי הטבע) — „הנותן לשכוי בינה להבחין בין יום ובין לילה״, „פוקח עורים״, „מתיר אסורים״, וכו׳[105]. דערנאָך זאָגט מען ברכת התורה (און בהמשך לזה זאָגט מען חלקים פון תושב״כ און תושבע״פ) — וואָס תורה קדמה (במעלה) לעולם[106].

אַזוי אויך זיינען דאָ ביי אַ אידן בכללות צוויי אופני עבודה, אָנהויבנדיק באַ זיך אַליין (עולם קטן זה האדם) — די עבודה פון בירור הגוף וחלקו בעולם, וואָס איז פאַרבונדן מיט די הגבלות פון טבע העולם (שביעי), און די עבודה פון גילוי הנשמה, און עבודה בלימוד התורה וקיום המצוות, וואָס איז העכער פון הגבלת העולם (עשירי).

ווי פאַרשטאַנדיק אויך בפשטות: אפילו אַ קליין קינד פאַרשטייט אַז ער האָט צוויי חלקים — אַ גוף און אַ נשמה. זיין גוף ווערט באַלעבט בדרך הטבע דורך עסן און טרינקען, און פירט זיך בכלל אויף לויט דעם נאַטירלעכן סדר פון דער וועלט. און זיין נשמה איז באַהאַלטן מצ״ע (ער זעט איר ניט מיט זיינע אויגן), אָבער ער פילט און פאַרשטייט אַז ער האָט אין זיך אַ איבער־גוף כח (רוחני) וואָס באַלעבט אים. דער קינד פאַרשטייט אויך, אַז זיין גוף — זייענדיק אַ גשמיות׳דיקע זאַך, וועלכע ער זעט בגלוי בעיניו — איז באַגרענעצט אין אַ באַשטימטער מאָס, און פאָדערט אַ באַשטימטע מאָס עסן און טרינקען בכדי ער זאָל לעבן. משא״כ זיין נשמה — וועלכע איז רוחניות (חלק אלוקה ממעל ממש[107]) — האָט ניט גשמיות׳דיקע

104) שו״ע אדה״ז או״ח ס״א ס״ה. מהדו״ת שם ס״ו. סידור אדה״ז במקומו.

105) ראה ברכות ס, ב.

106) ראה פסחים נד, א. מדרש תהלים צ, ד. ב״ר פ״י, ב. תנחומא וישב ד. וש״נ. זח״ב מט, א. וראה סה״מ תש״ח ס״ע 272.

107) תניא רפ״ב.

באַגרענעצונגען. און דעריבער פאַר־שטייט ער, אַז די עבודה וואָס ער טוט מיט זיין גוף, אַז דער גוף זאָל דינען דעם אויבערשטן – איז פאַרבונדן מיט די הגבלות פון דעם גוף און פון דער וועלט. און די עבודה וואָס ער טוט מיט זיין נשמה, איז אָן די הגבלות.

אַזוי אויך אין דער נשמה עצמה – זיינען דאָ דרגות, ובכללות – צוויי דר־גות: פנימיות הנשמה וחיצוניות הנשמה. ע״ד ווי אויך אַ קינד פאַרשטייט, אַז אין די זאַכן וואָס זיינען אים נוגע בנפש – זיינען דאָ זאַכן נוגע אין פנימיות נפשו (און ער לויפט נאָך זיי גאָר שטאַרק), און זאַכן וואָס זיינען נוגע נאָר בחיצוניות נפשו (ער לויפט זיי ניט נאָך, ביז אַז ער קען אויף זיי אַמאָל פאַרגעסן). אַזוי אויך אין זיין עבודה מיט די צוויי חלקים אין נשמה – איז חיצוניות הנשמה פאַרבונדן מיט אַ מדידה והגבלה, בערך צו דער עבודה פון פנימיות הנשמה, וועלכע איז למעלה ממדידה והגבלה.

עד״ז אויך אין דער עבודה פון אַ אידן אין תורה ומצוות עצמם – איז דאָ דער אונטערשייד צווישן גופא דאורייתא (נג־לה דתורה), וואָס האָט אַ מדידה והג־בלה[108], און נשמתא דאורייתא (פנימיות התורה), וואָס איז למעלה ממדידה והגבלה[108]. און אַזוי אויך אין פנימיות התורה גופא – איז דאָ נשמתא דאורייתא (רזין) און נשמתא דנשמתא דאורייתא (רזין דרזין)[109].

ועד״ז אין מצוות איז דאָ דער גוף המצוה – מעשה המצוה, און די נשמה פון דער מצוה – כוונת המצוה (ועד״ז קיום המצוה באופן פון לפנים משורת הדין).

און אין די אַלע ענינים האָט מען דעם לימוד הנ״ל – אַז בכל יום ויום דאַרפן זיין ביידע עניני עבודה, און חיבור שניהם יחד – סיי די עבודה מיט דער גוף און סיי מיט דער נשמה, סיי בלימוד נגלה דתורה און סיי בלימוד פנימיות התורה, סיי קיום מעשה המצוות און סיי כוונת המצוות, און באופן אַז מ׳טוט זיי ביידע צוזאַמען.

יב. ובנוגע לפועל – ובפרט שטייענ־דיק בסמיכות צו דעם חג הגאולה פון י״ב־י״ג תמוז, ווען ס׳איז צוגעקומען אַ הוספה וחידוש אין הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה – איז מען מציע:

נוסף צו די שיעורים הקבועים בלימוד התורה וואָס יעדערער האָט בכל יום – זאָל מען צוגעבן בכל יום (כל חד לפום שיעורא דילי׳) אַ לימוד מיוחד צו לערנען אַן ענין אין נגלה דתורה און אַן ענין אין פנימיות התורה[110] – עכ״פ איין ענין לעיונא אין יעדערן פון זיי, ובמיוחד – אַן ענין וואָס איז כולל דעם חיבור פון נגלה און חסידות צוזאַמען, ד.ה. סיי דער פירוש הפשוט בזה ע״פ נגלה צוזאַמען מיט דעם ביאור בזה בפנימיות הענינים. ווי מ׳געפינט עס במיוחד אין דברי תורת רבותינו נשיאינו וואָס ווערן געדרוקט בפרט לאחרונה.

אַזוי אויך זאָל מען צוגעבן אין קיום המצוות בהידור, און בהדגשה – דורך מוסיף זיין אין כוונת המצוה, אַז מ׳זאָל

108) המשך תער״ב ח״א ספ״ח. סה״מ ה׳ש״ת ע׳ 67. וראה סה״מ מלוקט ח״ג ע׳ רטז.

109) זהר שבהערה 88. וראה אמרי בינה שער הק״ש פנ״ד.

110) להעיר מהנהגת האריז״ל (שער המצוות וטעמי המצוות פ׳ ואתחנן. פע״ח שער הנהגת הלימוד פ״א), ש„הי׳ מעיין ו׳ דרכים ע״ד הפשוט (בהלכה) נגד ו׳ ימי החול, וא׳ על דרך הסוד כנגד יום השבת״.

געבן אַ ספּעציעלע הדגשה אַז צוזאַמען מיט קיום המצוה בפועל זאָל אין דעם אויך זיין [אפילו בנוגע צו מצוות וואו די כוונה איז ניט לעיכובא] די כוונת המצוה בשלימות (כל חד לפום שיעורא דילי'), און אויך אין — קיום המצוות באופן פון לפנים משורת הדין.

כולל ובמיוחד אין מצות הצדקה — וואָס הגם אַז אין צדקה איז ניט נוגע כוונת הנותן, איז אָבער ידוע אַז די מצוה איז מער בשלימות בשעת מ'טוט עס בסבר פנים יפות וכו'[111]. זאָל מען זען מוסיף זיין סיי אין נתינת הצדקה בפועל (בכמות), צוזאַמען מיט אַ הוספה אין דער „נשמה" פון דער מצוה — די כוונה, און דעם סבר פנים יפות.

ועד"ז אויך אין צדקה בדיבור — דורך געבן אַ צווייטן אַן עצה טובה, און רעדן גוטס אויף אַ צווייטן, און צדקה במחשבה — דורך טראַכטן גוט אויף אַ צווייטן.

ובכל זה — איז נוסף צו אַליין טאָן אין דעם, זאָל מען משפיע זיין אין דעם אויך אויף אַנדערע, ביז „ואהבת לרעך כמוך"[112], אַז זיי זאָלן אויך אַזוי טאָן בכל הפרטים הנ"ל.

יג. ובקשר מיט דעם חג הגאולה עצמו — זאָל מען אויך מאַכן די אַלע פּאַסיקע הכנות צו איינאָרדענען התוועדויות בקשר מיט דעם חג הגאולה בכל מקום ומקום ביום המתאים לפי תנאי המקום — צי אין דעם טאָג פון י"ב תמוז, אָדער י"ג תמוז, אָדער איןביידע טעג, אָדער אויך — אין די ימים שלאחרי זה. ובפרט ביום השבת,

און התוועדויות וואו כו"כ מישראל קלייבן זיך צוזאַמען, ואיש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק[113] — אין אָננע־מען החלטות טובות אין מוסיף זיין אין ענינים פון אידישקייט, תורה ומצוותי', און בפרט — אין הפצת התורה והיהדות, והפצת המעינות חוצה.

ויהי רצון, אַז תיכף ומיד ממש, נאָך פאַר דעם חג הגאולה, ועאכו"כ פאַר דעם טאָג פון שבעה עשר בתמוז — זאָל שוין קומען די גאולה, אַזוי אַז לפני פון דער התחלה פון די „בין המצרים" וועט זיין יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמו־עדים טובים, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו — עס וועט זיין בפשטות ביאת המשיח והתפשטות המשיח, „מלך מבית דוד הוגה בתורה ועוסק במצוות כדוד אביו כו', ויכוף כל ישראל לילך בה ולחזק בדקה, וילחם מלחמת ה'", ויעשה ויצליח ויבנה מקדש במקומו ויקבץ נדחי ישראל — כפס"ד הרמב"ם[114],

און דאָס אַלעס ווערט אין אַן אופן פון — (רמב"ם ר"ת) „רבות מופתי בארץ מצרים"[115], אַז נאָך זייענדיק אין מיצרים וגבולים פון גלות, ווערן נתגלה „רבות מופתי", עס ווערט „רבות מופתי", אַזוי אַז בשעת מ'פרעגט אַ אידן: וואָס איז געווען דער לעצטער מופת וואָס ער האָט געזען? ענטפערט ער: וואָס עפּעס דער לעצ־טער?! עס זיינען דאָ און עס וועלן נאָך זיין „רבות מופתי", וואָס „רבות" בלשון התורה מיינט מערער און מערער, ביז בלי הגבלה.

ביז תיכף די גאולה האמיתית וה־שלימה, כמ"ש „כימי צאתך מארץ מצרים

111) ראה רמב"ם הל' מתנות עניים פ"י. טושו"ע יו"ד הל' צדקה סרמ"ט ס"ג.

112) קדושים יט, יח.

113) לשון הכתוב – ישעי' מא, ו.

114) הל' מלכים ספי"א.

115) בא יא, ט.

**אראנו** נפלאות"[116], **נפלאות אויך בערך פון די נפלאות אין מצרים[117] — סיי ב־איכות הנפלאות און סיי בכמות הנפלאות.**

**והקיצו ורננו שוכני עפר[118], און דער בעל הגאולה בתוכם ובראשם, צוזאַמען מיט אַלע אידן — נשמות בריאות בגופים בריאים — ובנערינו ובזקנינו ובבנינו ובבנותינו[119], פליען עם ענני שמיא[120] אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, ולבית המקדש השלישי, מקדש אדנ־י כוננו ידיך[121].**

116) מיכה ז, טו.
117) ראה אוה"ת נ"ך עה"פ שם.
118) ישעי' כו, יט.
119) בא י, ט.
120) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.
121) בשלח טו, יז ובפרש"י. וראה זח"ג רכא, א.

## נוסח הברכה שהואיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לשלוח למחנות גן ישראל בקשר עם פתיחתן שנה זו

ב"ה, עש"ק מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל . . כגנות עלי נהר, חודש הגאולה, ה'תנש"א. ברוקלין, נ.י.

ל„גן ישראל"
ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

תהא פתיחת „גן ישראל" וכל משך שהותם בו בהצלחה רבה,

וימשיכו ההצלחה בכל עניני „גן ישראל" הגשמיים והרוחניים,

עש"ק: **שהוכפל בו טוב — בראשית א, כה. שם, לא. חזקוני עה"פ. וראה רמב"ן שם. וראה לקו"ש חכ"ד ע' 641 הערה ד"ה זה. ובאוה"ת (בראשית לג, א ואילך. ועוד) מקשר ענין יום ג' שהוכפל בו כי טוב (פרש"י עה"פ בראשית א, ז. מב"ר פ"ד, ו) עם מחז"ל (קידושין מ, א) טוב לשמים וטוב לבריות.**

מה . . נהר: **פרשתנו כד, ה־ו. — שיעור היום בשיעורי חת"ת הידועים.**

כגנות עלי נהר: **אלו מלמדי תינוקות שבישראל שהם מוציאים מלבם חכמה בינה דעת והשכל ומלמדין להתינוקות לעשות רצון אביהם שבשמים (תנא דבי אליהו רבא פכ"א. יל"ש פרשתנו עה"פ — רמז תשעא).**

בהצלחה: **ראה אוה"ת וישב רעה, א־ב (עה"פ ויהי ה' את יוסף — שמו הראשון של בעל הגאולה — ויהי איש מצליח). לקו"ש חכ"ה ע' 213.**

**ו„גן ישראל״ יתאים לשמו — להצמיח אילנות טובים נושאים פירות טובים, על ידי לימוד תורתנו וקיום מצוותי׳, כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי פנימיות התורה,**

**כרצון ותקות כ״ק מו״ח אדמו״ר בעל הגאולה. והשם עוזר.**

**וימשיכו בכ״ז במשך כל השנה, ובהוספה. וביתר שאת בשנת** ה׳תנש״א **—** הי׳ ת**הא** ש**נת** נ**פלאות** א**ראנו.**

**ועי״ז תקויים בכאו״א מהם, בתוככי כלל ישראל, תפילת וברכת משה רבינו בסיום וחותם מזמור צדי״ק שבתהלים:** ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו — יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם,

ומעשה ידינו כוננהו **— בבית המקדש השלישי, שיבנה במהרה בימינו, בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש.**

**בברכת שבת טוב**
**ולהצלחה בכל האמור**

**מנחם שניאורסאהן**

---

אילנות . . פירות . . לימוד תורתנו וקיום מצוותי׳: **וכמ״ש (שופטים כ, יט) „כי האדם עץ השדה״, דקאי על תלמיד חכם (וכל בניך לימודי ה׳ — ישעי׳ נד, יג) עושה פירות (תענית ז, א), ומאי פירות כו׳ מצוות (סוטה מו, סע״א).**

במאור שבתורה זוהי פנימיות התורה: **ראה קרבן העדה לירושלמי חגיגה פ״ז ה״ז. יפה ענף לפתיחתא דאיכ״ר ב. אוה״ת תצוה ע׳ א׳רנח. סה״מ תרמ״ז ע׳ פז־פח. המשך תער״ב ח״ג ע׳ רנז. תרפ״ט ע׳ 176.**

והשם עוזר: **שבת קד, א. יומא לח, סע״א. וראה ד״ה הוי׳ לי בעוזרי די״ב תמוז הראשון, תרפ״ז (נדפס בסה״מ קונטרסים ח״א קעט, א ואילך. תרפ״ז ע׳ רא ואילך).**

**הי׳ ת**הא ש**נת** נ**פלאות** א**ראנו: ראה בארוכה מכתבים כלליים לחג הפסח שנה זו*.**

יהי רצון . . במעשה ידיכם: **פרש״י עה״פ פקודי לט, מג. וראה גם פרש״י שמיני ט, כג. פרש״י עה״פ תהלים כאן.**

ומעשה ידינו כוננהו — בבית המקדש השלישי: **מדרש תהלים עה״פ.**

גאולה האמיתית והשלימה: **שאין אחרי׳ גלות (תוד״ה ה״ג ונאמר — פסחים קטז, ב. ממכילתא עה״פ בשלח טו, א. יל״ש ישעי׳ רמז תצט).**

---

*) נדפסו לעיל [סה״ש תנש״א ח״ב] ע׳ 883 ואילך.

**לזכות**

## כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א

**מהרה יגלה אכי"ר**

* * *

**לז"נ**

הרה"ח הרה"ת ר' **צבי הירש** בן הרה"ח ר' **בן ציון** ע"ה

נלב"ע ז"ך אלול ה'תש"מ

ומרת **רבקה** בת הרה"ח ר' **צבי** ע"ה

נלב"ע כ"ט תמוז ה'תשס"ב

**שפריצער**

נתרם ע"י בניהם – יבלח"ט –

הרה"ת ר' **שמואל** והרה"ת ר' **יעקב מרדכי** שיחיו

**שפריצער**

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

---

לתרומות והקדשות: To sponsor: weeklydvarmalchus770@gmail.com